# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................8:01
מוצאי שב"ק....................9:31

**שיעורים כסדרן**
נ"ך................יחזקאל מ"ו-מ"ז
בבלי......................יומא מ"ח
ירושלמי.....................סוטה א'
תוספתא...............מכשירין ב'
רמב"ם.................שבועות י"ב

פרשת בהעלותך, י"ח סיון, אבות פרק ב', שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 10, גליון 34 (501)

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַעֲנַן ה' עֲלֵיהֶם יוֹמָם בְּנָסְעָם מִן הַמַּחֲנֶה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצ"ח), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵייסְט מֶען אִים פָארְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת י"ד, ט"ו) מַה תִּצְעַק אֵלָי דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ. בַּיי קְרִיעַת יַם סוּף זֶענֶען דִי אִידְן גֶעשְׁטַאנֶען פַארְ'ן יַם זֵייעֶר פַארְלוֹירְן אוּן דֶערשְׁרָאקְן, דִי מִצְרִיִּים זֶענֶען זֵיי נָאכְגֶעלָאפְן פוּן הוּנְטְן, ווִילְדֶע חַיּוֹת הָאבְּן גֶעבְּרוּמְט אוֹיף זֵיי פוּן בֵּיידֶע זַייטְן אִינֶעם מִדְבָּר, אוּן פוּן פָארְנְט אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער יַם, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעזֶען קַיין וֶועג אַרוֹיס פוּן דֶעם פְּלָאנְטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי אָבֶּער גֶעהֵייסְן פָארְן וַוייטֶער, אַרַיין אִין יַם אַרַיין, אוּן דַאן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם יַם, זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי טְרוּקֶענִישׁ, אוּן זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

דָאס גֵייט אוֹיךְ אָן בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ שְׁוֶוערֶע מַצָּב, עֶר טְרֶעפְט זִיךְ אִין אַ פְּלָאנְטֶער, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט קַיין שׁוּם וֶועג אַרוֹיס דֶערְפוּן, עֶר שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן, זָאגְט מֶען אִים "פָאר וַוייטֶער", וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן אוּן גֶעב נִישְׁט אוֹיף, דוּ פְּרוּבִיר אָנְצוּגֵיין וַוייטֶער אִין דַיין לֶעבְן, פְּרוּבִיר וִויפִיל אוּן וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט, וֶועסְטוּ נָאכְדֶעם זֶען וִוי שַׁיין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן צָרוֹת.

מְ'טָאר נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֶעקְן מִיט דִי צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, מְ'טָאר נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אוּן אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיפְ'ן לֶעבְּן, אַלְץ אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס, אֲפִילוּ וֶוען מְ'זֶעט עֶס נִישְׁט מִיט דִי אוֹיגְן, מְ'דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן צוּ גֵיין וַוייטֶער, נִישְׁט זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן פַאר קַיין שׁוּם זַאךְ. דֶער הֵיילִיגֶער מַהֲרַ"שׁ פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ זי"ע פְלֶעגְט זָאגְן, "דִי וֶועלְט זָאגְט אַז מְ'קֶען נִישְׁט גֵיין אַרוּנְטֶער גֵייט מֶען אַרִיבֶּער, אוּן אִיךְ זָאג אַז מְ'גֵייט לְכַתְּחִלָּה אַרִיבֶּער", דָאס מֵיינְט אַז מְ'קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן פַאר קַיין שׁוּם שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, מְ'גֵייט מִיט אַ שְׁטַארְקַייט, אוּן מְ'קוּמְט אִיבֶּער אַלֶע שְׁטֶערוּנְגֶען.

דָאס אִיז מְרוּמָּז אִין דֶעם פָּסוּק, וַעֲנַן ה' עֲלֵיהֶם יוֹמָם, וֶוען קֶען אַ אִיד זוֹכֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רוּעֶן מִיט אִים, עֶר זָאל שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַלֶעס זָאל אִים גֵיין גוּט, בְּנָסְעָם מִן הַמַּחֲנֶה, וֶוען אִיז גְרֵייט אַלְץ צוּ פָארְן וַוייטֶער, גָארְנִישְׁט קֶען אִים אָפְּשְׁטֶעלְן פוּן זַיין וֶועג, עֶר גֵייט פָארְאוֹיס מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט לוֹיט וִויפִיל אוּן וִוי אַזוֹי עֶר קֶען, אוּן אַזוֹי קוּמְט עֶר אָן צוּ אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן אִין לֶעבְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל בְּהַעֲלוֹתְךָ תשס"ג)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### לָשׁוֹן הָרַע

דֶער אִיסוּר פוּן רֶעדְן אוּן הֶערְן לָשׁוֹן הָרַע אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ. חֲזַ"ל זָאגְן (עֲרָכִין ט"ו:) אַז לָשׁוֹן הָרַע אִיז עֶרְגֶער פוּן דִי דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (פְּסָחִים קי"ח) אַז אֵיינֶער וָואס רֶעדְט אָדֶער הֶערְט אוּן נֶעמְט אָן לָשׁוֹן הָרַע, אִיז רָאוּי עֶר זָאל גֶעוָוארְפְן וֶוערְן פַאר דִי הִינְט. דָאס אִיז וַוייל דָאס אִיז דִי סֶדֶר פוּן הִינְט אַז זֵיי בִּילְן שְׁטֶענְדִיג, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז דֶער וָואס אִיז פַארְנוּמֶען מִיט לָשׁוֹן הָרַע'ס, עֶר אִיז אֵייבִּיג פַארְנוּמֶען צוּ בִּילְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דָאס זַיין עוֹנֶשׁ.

לֵיידֶער וֶוערְט יֶעדֶער נִכְשָׁל אִין דֶעם, אֵיינֶער מֶער אוּן אֵיינֶער וֶוינִיגֶער. חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא קס"ה.) אַז יֶעדֶער וֶוערְט נִכְשָׁל אִין לָשׁוֹן הָרַע, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט רֵיין פוּן דֶעם. אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען יָא נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דִי הַארְבֶּע זַאךְ, אִיז נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה. צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין קַיין לָשׁוֹן הָרַע. אוּן נָאר מִיט דִי הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דֶעם.

דִי בֶּעסְטֶע אִיז וֶוען מֶען טוּט דָאס אִינְדֶערְפְרִי, גְלַייךְ נָאכְן זָאגְן בִּרְכַּת הַתּוֹרָה לֵייגְט מֶען צוּ אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן דֶעם טָאג אִין לָשׁוֹן הָרַע.

אוּן מֶען טָאר נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען אִיז יָא דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט לָשׁוֹן הָרַע, נָאר זִיךְ שְׁטַארְקְן כָּאטְשׁ פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער נִישְׁט צוּ רֶעדְן קַיין לָשׁוֹן הָרַע. וַוייל יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען הָאט זִיךְ צוּרִיק גֶעהַאלְטְן פוּן רֶעדְן אַ לָשׁוֹן הָרַע אִיז שׁוֹין זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר, אֵיין וָוארְט לָשׁוֹן הָרַע וֵוינִיגֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען יֶעדֶע מָאל בַּאזוּנְדֶער פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּרִיק צוּ הַאלְטְן אוּן נִישְׁט רֶעדְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעט מֶען אַז וֶוען אֵיינֶער קוּמְט זָאגְן אַ לָשׁוֹן הָרַע וֶוערְט עֶס גְלַייךְ אָנְגֶענוּמֶען. אֲפִילוּ וֶוען דֶער לָשׁוֹן הָרַע

<<<<<<

## א גוט ווארט

אַ שָׁאד דוּ זָאלְסְט שְׁלֶעפְּן דַיין פֶּעקְל מִיט זִיךְ, אַ שָׁאד צוּ שְׁטֵיין מִיט אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם רוּקְן. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט פוּן הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט אַמָאל גֶעזֶען אֵיינֶעם שְׁטֵיין אִין אַ וָואגְן מִיט אַ שְׁוֶוערֶע זַאק אוֹיף דִי פְּלֵייצֶע, פְרֶעגְט עֶר אִים: "ר' אִיד, פַארְוָואס לֵייגְסְטוּ נִישְׁט אַרָאפּ דֶעם זַאק?" עֶנְטְפֶערְט יֶענֶער אִיד: "אִיךְ הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי פֶערְד, זֵיי שְׁלֶעפְּן דֶעם וָואגְן מִיט דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן, יֶעצְט זָאלְן זֵיי שְׁלֶעפְּן דֶעם שְׁוֶוערְן זַאק?" דֶער חָפֵץ חַיִּים שְׁמֵייכְלְט אוּן זָאגְט אִים: "שׁוֹטֶה וָואס דוּ בִּיסְט! דִי פֶערְד שְׁלֶעפְּן סַיי וִוי אַלֶע זֶעק אוּן פֶּעק, וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן דַיין רוּקְן?!" אַזַא פָּנִים הָאבְּן מִיר, מִיר שְׁלֶעפְּן שְׁוֶוערֶע זֶעק אוּן פֶּעק, דַאֲגוֹת, מִיט וָואס נִישְׁט, אִין דִי צַייט וָואס מֶען קֶען אַרָאפְּלֵייגְן דִי פֶּעק אוּן זֶעק...

אַז מֶען דֶערְצֵיילְט עֶס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין גֶעצֵיילְטֶע וֶוערְטֶער, מֶען זָאגְט: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער דִי שְׁוֶוערֶע זַאךְ, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, הִיט מִיר, הֶעלְף מִיר, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר וְכוּ' וְכוּ'" - מִיט דֶעם גֵייט אַרָאפּ אַלֶע שְׁוֶוערֶע פֶּעקְלֶעךְ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי תשפ"א)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

# זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, אֲפִילוּ וֶוען מְ׳זֶעט נִישְׁט דִי גוּטֶע עֶנְדֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ח׳ סִיוָן, אִסְרוּ חַג שָׁבוּעוֹת, שְׁנַת תשפ״א לפ״ק
לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיטְ׳ן מֶענְטְשׁ אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קַיין שׁוּם זַאךְ אִיז אַ בַּייצוּפַאל. אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי אוּן מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז עֶר. אוּן אַלֶעס אִיז נָאר פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס פַּאסִירְט, עֶס קֶען אוֹיס קוּקְן ווִי שְׁלֶעכְטְס אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז גָארְנִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, אַלֶעס אִיז נָאר גוּטְס.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (נִדָּה לא.): ״שְׁנֵי בְּנֵי אָדָם שֶׁיָּצְאוּ לִסְחוֹרָה״, צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַיינְגֶעקוֹיפְט סְחוֹרָה דָאס צוּ פַארְקוֹיפְן אִין אַ צְווייטֶע מְדִינָה, ״יָשַׁב לוֹ קוֹץ לְאַחַד מֵהֶן״, גֵייעֶנְדִיג צוּם שִׁיף הָאט זִיךְ אֵיינֶער פוּן זֵיי צֶעבְּרָאכְן דִי פִּיס אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין צוּם שִׁיף, דִי שִׁיף אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן מִיטְ׳ן אַנְדֶערְן שׁוּתָּף, מִיטְנֶעמֶענְדִיג אַלֶע סְחוֹרָה, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ מִיטְ׳ן צֶעבְּרָאכֶענֶעם פוּס אִיז אוּנְטֶערְגֶעבְּלִיבְּן, ״הִתְחִיל מְחָרֵף וּמְגַדֵּף״, הָאט דֶער מֶענְטְשׁ אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, עֶר הָאט גֶעהַאט טַעֲנוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״לְיָמִים שָׁמַע שֶׁטָבְעָה סְפִינָתוֹ שֶׁל חֲבֵירוֹ בַּיָּם הִתְחִיל מוֹדֶה וּמְשַׁבֵּחַ״, נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַז דִי שִׁיף אִיז אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין וַואסֶער מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן מִיט דִי גַאנְצֶע סְחוֹרָה, הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (יְשַׁעְיָה יב, א): ״אוֹדְךָ ה׳ כִּי אָנַפְתָּ בִּי״, אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ הָאסְט גֶעצֶערְנְט אוֹיף מִיר אוּן מִיר צֶעבְּרָאכְן מַיין פִּיס, ״יָשֹׁב אַפְּךָ וּתְ׳נַחֲמֵנִ״י״, ווַייל אַזוֹי בִּין אִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן וֶוערְן דֶערְטְרָאנְקֶען; אִין דֶעם פָּסוּק אִיז מְרוּמָז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס נָאמֶען, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט אִים, אֲפִילוּ וָואס עֶס זֶעט אוֹיס ווִי שְׁלֶעכְטְס.

רוֹב מַעֲשִׂיוֹת עֶנְדִיגְן זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי, רוֹב מַעֲשִׂיוֹת עֶנְדִיגְן זִיךְ אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל הֶערְן אַז דֶער שִׁיף אִיז אַיינְגֶעזִינְקֶען, מֶען בְּלַייבְּט מִיט דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע פִּיס, מֶען בְּלַייבְּט מִיטְ׳ן פַארְשְׁפֶּעטִיגְן דִי שִׁיף; טַאקֶע דֶערְפַאר זֶענֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן צֶעבְּרָאכְן, זֵיי פַארְלִירְן דִי אֱמוּנָה, זֵיי הָאבְּן קַשְׁיוֹת, אָבֶּער אַז מֶען אִיז מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, **דֶעמָאלְט דַאנְקְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ מֶען ווַייסְט נִישְׁט דֶעם אוֹיסְפִיר**, פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן דִי פִּיס, מֶען ווַייסְט נִישְׁט פַארְוָואס מֶען הָאט פַארְשְׁפֶּעטִיגְט דִי שִׁיף, פַארְוָואס מֶען הָאט פַארְלוֹירְן דִי גֶעשֶׁעפְטְן; מֶען בְּלַייבְּט גֶעטְרֵיי.

עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זִיךְ צַאמְקוּמֶען לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל אַ וָואךְ; אַזוֹי וֶוערְט מֶען שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, מֶען בַּאקוּמְט כּוֹחוֹת צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין וַוייטֶער אִין לֶעבְּן.
**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נָשֹׂא תשפ״א)

>>>>>>
אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס מֶען קֶען אִים, אוּן מֶען הָאט אֵייבִּיג גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז עֶרְלִיךְ אוּן גוּט. וֶוען אֵיינֶער קוּמְט אָבֶּער מִיט אַ גוּטֶע לָשׁוֹן הָרַע אוֹיף יֶענֶעם וֶועט מֶען עֶס גְלַייךְ אָנְנֶעמֶען.

דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט דָאס אַז עֶס זָאל זַיין אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ הֶערְן אַ לָשׁוֹן הָרַע, אוּן אַז מֶען זָאל עֶס גְלַייךְ אָנְנֶעמֶען. מֶען טָאר זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אָנְנֶעמֶען קַיין שְׁלֶעכְטְס אוֹיף צְווייטְן אִיד, אוּן דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז נָאר תְּפִלָּה, צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּאֱמֶת דַארְף זִיךְ אַ אִיד צוּגֶעוואוֹינֶען נִישְׁט צוּ דַארְפְן אֵייבִּיג הֶערְן אַלֶעס. אֵיינֶער וָואס מוּז זִיךְ אִיבֶּערָאל אַרַיינְשְׁטֶעקְן זַיין קָאפּ, עֶר מוּז אַלֶעס הֶערְן אוּן מִיטְהַאלְטְן, אַזַא אֵיינֶער אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז עֶר זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ הֶערְן זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט אוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט הֶערְן. אוּן אֵיינְמָאל מֶען הֶערְט זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, דַאן גֵייט עֶס אַרַיין אִין הַארְץ אַרַיין. וֶוערְטֶער הָאבְּן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע כֹּחַ, וֶוען מֶען הֶערְט זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט, אֲפִילוּ אוֹיף דִי מִינוּט זֶעט אוֹיס אַז מֶען הָאט עֶס נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען, גֵייט עֶס אָבֶּער אַרַיין אִין מֹחַ, אוּן דָאס קֶען נָאכְדֶעם שָׁאטְן פַארְן מֶענְטְשׁ.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (יִתְרוֹ עה:) ״מַאן דְאָדְנוֹי רַבְרְבִין, טִפְּשָׁא בְּלִיבֵּיהּ״ - וֶוער עֶס הָאט גְרוֹיסֶע אוֹיעֶרְן, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט טִפְּשׁוּת אִין זַיין הַארְץ. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גְרוֹיסֶע אוֹיעֶרְן, זֵיי דַארְפְן אִיבֶּערָאל אַרַיינְשְׁטֶעקְן זֵייעֶר אוֹיעֶר, זֵיי דַארְפְן אַלֶעס הֶערְן אוּן מִיטְהַאלְטְן. דָאס אִיז נִישְׁט קַיין סִימָן פוּן חָכְמָה נָאר פוּן טִפְּשׁוּת. אַן אֱמֶת׳עֶר חָכָם, זִיצְט זִיךְ אִין זַיין ווִינְקְל אוּן עֶר שְׁטוּפְּט זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִיבֶּערָאל, עֶר ווַייסְט אַז וָואס עֶר דַארְף הֶערְן - וֶועט עֶר מְמֵילָא הֶערְן, אוּן וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט הֶערְן - אִיז טַאקֶע בֶּעסֶער אַז עֶר זָאל עֶס נִישְׁט הֶערְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה י״ג) וֶועגְן דֶעם טוֹיבְּן בֶּעטְלֶער, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהֶערְט וָואס מֶענְטְשְׁן רֶעדְן, אוּן טַאקֶע דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זי״ע הָאט אִין זַיינֶע עֶלְטֶערֶע יָארְן שְׁוַואךְ גֶעקֶענְט הֶערְן. הָאט עֶר דַאן גֶעזָאגְט: ״פַארְוָואס דַארְף אִיךְ גוּט הֶערְן? וָואס אִיךְ ווִיל זָאגְן - זָאג אִיךְ, אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט - אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט, מְמֵילָא פַארְוָואס דַארְף אִיךְ הֶערְן?״

דֶער צַדִּיק רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זי״ע, דֶער זֵיידֶע פוּן רֶבִּי׳ן, הָאט גֶעהַאט דִי מִידָה אַז עֶר הָאט מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעהֶערְט אַ זַאךְ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַארְפְט הֶערְן, דָאס אִיז גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל צוּקוּמֶען צוּ דֶעם צוּ הֶערְן נָאר וָואס עֶר דַארְף.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעזִיצְן צוּזַאמֶען מִיט נָאךְ תַּלְמִידִים פַאר זַיין רֶבִּי׳ן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דַאן גֶערֶעדְט צוּ דִי אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען ווִי רֶבִּי נַחְמָן בֵּייגְט זִיךְ צוּ אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ הֶערְן, עֶס אִיז זֵיי גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט. הָאט זֵיי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: אִיר זָאלְט ווִיסְן אַז עֶר הֶערְט בִּכְלַל נִישְׁט וָואס אִיךְ רֶעדְט יֶעצְט, עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז עֶר הָאט גֶע׳פּוֹעֶלְ׳ט אַז עֶר זָאל מַמָּשׁ נִישְׁט הֶערְן וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט, אוּן דֶערְפַאר הֶערְט עֶר נִישְׁט וָואס אִיךְ זָאג יֶעצְט, אָבֶּער אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי מַיין מוֹיל שָׁאקְלְט זִיךְ הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעבּוֹיגְן צוּ קֶענֶען הֶערְן.

דִי סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז פַארְנוּמֶען צוּ הֶערְן אוּן רֶעדְן נַארִישְׁקֵייטְן אִיז נָאר וַוייל עֶר גֵייט לֵיידִיג. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט לֵיידִיג, עֶר טוּט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, פִּילְט עֶר נִישְׁט קַיין סִיפּוּק אִין לֶעבְּן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים אַז עֶר זָאל וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, עֶר הָאפְט אַז אַזוֹי וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען זַיין סִיפּוּק. אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָאס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין סִיפּוּק, מֶען דַארְף נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זַיין פַארְנוּמֶען מִיט גוּטֶע זַאכְן, מִיט לֶערְנֶען, מִיט דַאוֶונֶען, אוּן מִיט טוּן מִצְוֹת, דָאס בְּרֶענְגְט יָא סִיפּוּק פַארְן מֶענְטְשׁ, אוּן אֵיינְמָאל מֶען בַּאקוּמְט סִיפּוּק פוּן גוּטֶע זַאכְן פֶעלְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס צוּ רֶעדְן אוּן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט הֶערְן וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט, נָאר זַיין פַארְנוּמֶען מִיט גוּטֶע זַאכְן שְׁטֶענְדִיג. וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ חֵלֶק ה׳ וְחֵלֶק י״ב עֶרֶךְ לָשׁוֹן הָרַע, וְחֵלֶק ט״ו עֶרֶךְ שְׁמִיעָה)

# דִי לֶעבּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קו)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: רֶבִּי נָתָן מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים קוּמֶען אָן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט זֵיי דְרֵיי מַעֲשִׂיּוֹת.**

אוּן דִי דְרִיטֶע מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי הרה"ק רֶבִּי יְחִיאֵל מִיכְל פוּן זְלָאטְשׁוּב זי"ע אִיז נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע. וֶוען רֶבִּי מִיכְל'עֶ זְלָאטְשׁוּבֶער זי"ע אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל, אִיז אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶע פַּחַד, אוּן נָאכְדֶעם וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אִיז שְׁוַואכֶער גֶעוָוארְן זַיין יִרְאָה, אוּן ס'אִיז אִים אַרַיין אַ מַחְשָׁבָה אִין קָאפּ אַז אֶפְשָׁר אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אַן עַם הָאָרֶץ. אִין יֶענֶע סֶעקוּנְדֶע הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אָנְגֶעכַאפְּט זַיין הַאנְט אִין אִים גֶעזָאגְט, "מִיכְל, בִּיסְט אַן עַם הָאָרֶץ!", אוּן רֶבִּי מִיכְל'עֶ הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם, זֶעעֶנְדִיג אַז עֶר וֵוייסְט זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת.

אוּן אַזוֹי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען מִיט רֶבִּי נָתָן, ווייל בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אִיז אִים אוֹיךְ אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַזַא מַחְשָׁבָה, אוּן דֶערְצֵיילְנְדִיג דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעכַאפְּט רֶבִּי נָתָן'ס הַאנְט אוּן אִים גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער, "מִיכְל, בִּיסְט אָן עַם הָאָרֶץ!"

דֶער רֶבִּי הָאט מִיט דֶעם גֶעוָואלְט מְרַמֵז זַיין פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר הָאט גֶעזֶען זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעטְרַאכְט. רֶבִּי נָתָן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן פוּן דֶעם, זֶעעֶנְדִיג מִיט דִי אוֹיגְן וִוי אַלֶע זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

### תג

דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן רֶבִּי'ן, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט דָארְט פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן אַז דִי זַאךְ פוּן רֶבִּי'ן אִיז נָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה. זֵיי הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט דָארְט בְּלַייבְּן פַאר גַאנְצֶע אַכְט טֶעג בִּיז נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶערִיבֶּער זֶענֶען זֵיי צוּרִיק אַהֵיים גֶעפָארְן קַיין נֶעמִירוֹב.

### תד

אֵיידֶער רֶבִּי נָתָן אִיז נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, "אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז ס'זָאל אָנְקוּמֶען צוּ מִיר אַ לַמְדָן, מִיט אַ גוּטְן שְׁפְּרַאךְ, אוּן דֶעמָאלְט וָואלְט אִיךְ גֶעקֶענְט עֶרְקְלֶערְן אַלֶע כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל אַזוֹי פָּשׁוּט אַז אֲפִילוּ קִינְדֶער זָאל קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין אַלֶע כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל!"

נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, "בָּרוּךְ ה', אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר צוּגֶעשִׁיקְט אַ אִינְגֶערְמַאן, אַז אֲפִילוּ אֵיין דִיבּוּר פוּן מַיינֶע רֵייד וֶועט מֶער נִישְׁט פַארְלוֹירְן גֵיין".

### תה

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז דֶעמָאלְט אַהֵיימְגֶעפָארְן, הָאט דֶער רֶבִּי דַאן גֶערֶעדְט מִיט זַיין טָאכְטֶער אָדְל, עֶר הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט אַז יֶעצְט אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ אִים אֵיינֶער מִיטְ'ן נָאמֶען רֶבִּי נָתָן, אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט זֵייעֶר גְרוֹיס פוּן אִים. דֶער רֶבִּי הָאט אִיר גֶעזָאגְט, "וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן אִיבֶּער זַיין קְלוּגְשַׁאפְט? וֶוען עֶר גֶעבְּט בְּלוֹיז אַ בְּלִיק אוֹיף דִי שׁוּל" – אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוִויזְן מִיט זַיין הֵיילִיג הַאנְט אוֹיף דִי שׁוּל – "וֶועט עֶר דִיר זָאגְן וִויפִיל אַמוֹת עֶס אִיז הוֹיךְ".

### תו

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶערֶעדְט דֶעמָאלְט מִיט ר' יִצְחָק, דֶער אֵיידֶעם פוּנֶעם טִירְהָאוִויצֶער מַגִיד זי"ע, אוּן הָאט זֵייעֶר אַרוֹיסְגֶעהוֹיבְּן רֶבִּי נָתָן, אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער עָנָיו. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אַז דוּ זָאלְסְט אִים אָנְקוּקְן, אִיז עֶר בַּיי זִיךְ אַ גְלַאט שְׁטִיקְל בְּלָאטֶע".

[אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע שְׁפֶּעטֶער גֶעוֶוען, וֶוען ר' יִצְחָק הָאט בַּאגֶעגְנְט רֶבִּי נָתָן אוֹיפְ'ן גַאס, וִוי עֶר גֵייט מִיט גְרוֹיס זְרִיזוּת, אָנְגֶעטוּן מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער וִוי אַן עוֹשֶׁר'ס אַ קִינְד, אוּן אֲפִילוּ עֶר הָאט אִים נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פְרִיעֶר גֶעזֶען, הָאט עֶר גְלַייךְ דֶערְקֶענְט אַז עֶר אִיז דֶער אִינְגֶערְמַאן פוּן וֶועמֶען דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט, אַז עֶר אִיז בַּיי זִיךְ מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט, וִוי אַ גְלַאט שְׁטִיקְל בְּלָאטֶע].

### תז

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט רֶבִּי נָתָן פַאר נָאךְ אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, אַז עֶר הַאלְט זִיךְ זֵייעֶר קְלֵיין. אוּן וֶוען עֶר אִיז שְׁפֶּעטֶער גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט מֶען אִים אוֹיסְפְּרוּבִּירְט, אֵיינֶער הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זַיין חַבֵר, "אֶפְשָׁר גֵייסְטוּ מִיר קוֹיפְן בֵּייגְל? אִיךְ בִּין זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג", הָאט דֶער חַבֵר צוּרִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ קֶען יֶעצְט נִישְׁט גֵיין, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ", אוּן וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהֶערְט דֶעם שְׁמוּעֶס הָאט עֶר זִיךְ גְלַייךְ אָנְגֶערוּפְן, "גֶעבּ מִיר דָאס גֶעלְט אוּן אִיךְ וֶועל דִיר גֵיין קוֹיפְן!", הָאט מֶען דַאן גֶעזֶען זַיין גְרוֹיס עֲנִיווּת, עֶר אִיז בַּיי זִיךְ מַמָּשׁ וִוי אַ גָארְנִישְׁט.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# מַיינֶע עֶלְטֶערְן הַאלְטְן זִיךְ בַּיים גֶט'ן, וִוי אַזוֹי דֶערְהַאלְט אִיךְ זִיךְ?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן אוּן אִיךְ בִּין אִין זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע מַצָב, סַיי אִין רוּחְנִיוּת וָואס אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, אוּן סַיי מִיט וָואס עֶס גֵייט אוֹיף מִיר אַרִיבֶּער אִין שְׁטוּבּ, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אֵיינֶעם וָואס דִי עֶלְטֶערְן גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין אַפָּאר יָאר זִיךְ צוּ גֶט'ן. אִיךְ מֵיין אַז פִיל עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן פוּן מִיר זֶענֶען נִישְׁט אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל צָרוֹת אִין לֶעבְּן וָואס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן, אוּן מִיר גֶערַאטֶעוֶועט דָאס לֶעבְּן.

אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר בִּיטֶע שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו פוּן חִיזוּק, ס'וֶועט מִיר זֵייעֶר הֶעלְפְן אוּן ס'וֶועט מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק זַיין.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' נָשֹׂא, ח' סִיוָן, אִסְרוּ חַג שָׁבוּעוֹת, שְׁנַת תשפ"א לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי צַעַר פוּן קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן וִוי דִי עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דִי קִינְדֶער לַיידְן; דִי צַעַר אוּן יִסוּרִים וָואס דִי קִינְדֶער הָאבְּן טָאג טֶעגְלִיךְ הַשֵׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

אִין דַיין פַאל, וָואס דַיינֶע עֶלְטֶערְן גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין אַ שְׁטִיק צַייט זִיךְ צוּ גֶט'ן, הָאבּ אִיךְ אֵיין עֵצָה פַאר דִיר; נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; דִי עֵצָה וֶועט דִיר גֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין אִין דַיין מַצָב. גֵיי אִין אַ וִוינְקְל וואוּ עֶס אִיז לֵיידִיג פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן. דֶערְצֵייל אִים וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, זָאג אִים וָואס טוּט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ צְוִוישְׁן דַיינֶע עֶלְטֶערְן, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן אַלֶע פְּרָטִים, זָאג אִים אַלֶע דַיינֶע וֵוייטָאגְן, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען בְּלַייבְּן שְׁטַארְק פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ בִּיז דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּבּ.

מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, לִיבֶּער חַבֵר; דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן – דָאס גֵייט מָשִׁיחַ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט, מִיט דִי עֵצָה וֶועט עֶר אַייְנְנֶעמֶען דִי וֶועלְט. דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט: "מָשִׁיחַ וֶועט אַייְנְנֶעמֶען דִי וֶועלְט אָן קַיין אֵיין שָׁאס פּוּלְוֶוער"; עֶר וֶועט נִישְׁט שִׁיסְן אוֹיף אַלֶע פֶעלְקֶער, עֶר וֶועט מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט תְּפִילָה, עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת, עֶר וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶע זָאלְן וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם אַדְרֶעס צוּ וֶועם זִיךְ צוּ וֶוענְדְן, עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין אַדְרֶעס: גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן.

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, נֶעם דִי עֵצָה – וֶועסְטוּ הָאבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען לֶעבְּן; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף דַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן מְיוּאָשׁ, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט טוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן.

דָא הָאסְטוּ אַ קְלֵיינֶע תְּפִילָּה וָואס דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, אוּן אֲפִילּוּ אַפָּאר מָאל אַ טָאג:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן, אִיךְ קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דָאס אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ, זֵיי גֵייעֶן זִיךְ גֶט'ן, זֵיי גֵייעֶן זִיךְ צֶעטֵיילְן; אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל צַעַר אַז מַיין שְׁטוּבּ צֶעפַאלְט מִיר, אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, בִּיז אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן; דֶער יֵצֶר הָרַע לָאזְט מִיר נִישְׁט אָפּ, עֶר וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין כֹּחַ, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט מִתְגַבֵּר זַיין.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט מִיר נִישְׁט, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער; עֶס פֶעלְט מִיר אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע וָואס לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, עֶס פֶעלְט מִיר עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן זִיךְ לִיבּ, עֶס פֶעלְט מִיר אַ גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּבּ; נָאר דוּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעסְט מַיין הַארְץ וִוי אִיךְ וַוארְט אוֹיף אַבִּיסְל לִיבְּשַׁאפְט, דוּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט וִוי שְׁטַארְק אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, וִוי שְׁטַארְק אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, טוּן מִצְווֹת אוּן גוּטֶע זַאכְן, עֶס אִיז מִיר אָבֶּער אַזוֹי שְׁוֶוער.

הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, גֶעבּ מִיר כֹּחַ אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיין פְרֵיילִיךְ; גֶעבּ מִיר כּוֹחַ אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְגַבֵּר זַיין אוֹיפְ'ן יֵצֶר הָרַע, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן בִּיז מַיין חֲתוּנָה, בִּיז אִיךְ וֶועל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ".

דִי תְּפִילָּה זָאלְסְטוּ זָאגְן אוּן לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילּוֹת, וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס וֶועט זִיךְ דִיר עֶפֶענֶען אַ נֵייעֶ וֶועלְט; דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן זִיכֶער, דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין פַארְלוֹירְן, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ קֶענֶען מִתְגַבֵּר זַיין אוֹיפְ'ן יֵצֶר הָרַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נָשֹׂא תשפ"א)

# נייעס איגערהאלב מוסדותינו הק'

## צענדליגע טויזנטער אידן זענען זיך מחי' מיט "קול ברסלב"

די ליניעס פונעם טעלעפאן ליין "קול ברסלב" ווערן פארפלייצט טאג טעגליך מיט צענדליגע טויזנטער רופן פון איבער די גאנצע וועלט, פון אידן וועלכע ווילן שעפן חיזוק און עצות פון הייליגן רבי'ן. די פילע אפטיילונגען אויפ'ן ליין, די פילע דרשות, שיעורי תורה, שיעורי התחזקות, ניגונים, פערזענליכע געשיכטעס, מעשיות פון תפלה, און נאך פיל מער, זענען א קוואל פון לעבן פאר אזויפיל אידן וואס זוכן אביסל ליכטיגקייט און ווארעמקייט, זיך צו דערנענטערן צום אייבערשטן און צו מצליח זיין אין לעבן ברוחניות ובגשמיות.

ביים ארייגרופן דעם ליין דרוקט מען 1 פאר אידיש, און דערנאך קען מען הערן אויף נומער 0 אלע פרישע זאכן וואס ווערן טעגליך ארויפגעלייגט אויפ'ן ליין.

**נומער 1 - טעגליכע קורצע דברי חיזוק פאר'ן טאג.** חיזוק יומי פונעם ראש ישיבה שליט"א און פון מוהרא"ש ז"ע, דאס איז די מערסט אויפגעכאפטע קנעפל אויפ'ן סיסטעם, נישט יעדער האט צייט צו הערן לאנגע שיעורים, אבער טויזנטער אידן זענען זיך מחי' מיט די צוויי דריי מינוט חיזוק, דאס געבט זיי די כוחות אנצוהויבן יעדן טאג מיט א פרישקייט.

אונטער נומער 1 געפונט זיך אויך די קנעפלעך אנצוקומען שנעל צו די לעצטיגע שיעורים, ווי אויך געפונט זיך דארט די אפטיילונג פון "עניני דיומא", וואו מ'קען הערן א גרויסע אויסוואל פון שיעורים, שמועסן, מעשיות, און נאך, איינגעטיילט לויט די ימים טובים און יומי דפגרא.

**נומער 2, שיעורים פון ראש ישיבה שליט"א.** א גאר רייכע אויסוואל פון שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, איינגעטיילט לויט די יארן, טעגליכע און וועכנטליכע שיעורים, מועדים וזמנים, פארגעליינטע בריוו, חיזוק קאלס, שיעורים אין גמרא בבלי און ירושלמי, שיעורים אויף גאנץ נ"ך, משנה תורה להרמב"ם, און נאך גאר פיל. די שיעורים האבן שוין אויפגעראכטן אזויפיל אידן איבער די גאנצע וועלט, וועלכע האבן דארט געפונען זייער סיפוק אין לעבן, א מהלך החיים מיט'ן אייבערשטן וואס איז געאייגנט פאר יעדן איינעם מקטן ועד גדול, אין אלע תחומים אין לעבן.

**נומער 3, שיעורים פון מוהרא"ש ז"ע.** א ריזיגער אויסוואל פון שיעורים פון מוהרא"ש ז"ע, איינגעטיילט אויף די פרשיות השבוע און מועדים וזמנים, א קוואל פון שפורדלדיגע וואסער וואס שטילט דאס דארשט פון אידן הצמאים לדבר ה', די דיבורים זענען מחי' און מחזק אין אלע אומשטענדען.

**נומער 4, פארשידענע שיעורים.** וועכנטליכע שיעורים פון הרה"צ מוה"ר יצחק לעזער שליט"א, מיט וואס פילע אידן זענען זיך מחי' און מחזק. ווי אויך דער **חינוך אפטיילונג**, לענגערע און קורצע שיעורים אין חינוך, ווי אויך א **מלמדים שטיבל**, וואו מלמדים שמועסן זיך דורך מיט עצות און טיפס ווי אזוי זיך אפצוגעבן מיט די קינדער אויפ'ן ריכטיגן וועג, זיי אויפצובויען צו ווערן אמת'דיגע ערליכע אידן.

**נומער 5, היכל נגינה.** פילע הונדערטער ערליכע ניגונים אויף אידיש, ווארעמע און לעבעדיגע, נוסח און גראמען, מיט אדער אן מוזיק, צוגעפאסט פאר יעדנ'ס געשמאק. ניגונים פון אמונה און תשובה, וואס הערן זיך אזוי געשמאק צום אויער, און רעדן צום הארץ פון יעדן איד, צוריק צו קומען צום אייבערשטן פון סיי וואו מ'געפונט זיך נאר.

**נומער 6, שיעורים ובלכתך בדרך.** פארנדיג אויפ'ן וועג, קען מען נוצן דעם קנעפל מיטצוזאגן א גרויסער אויסוואל פון שיעורים כסדרן. ספר תהלים, ששה סדרי משנה, חומש, טעגליכע בי"ת נצחי - בבלי ירושלמי און תוספתא, תיקון הכללי, תפלת הדרך, פרשת המן. דער נומער ווערט כסדר אפדעיטעט מיט פרישע שיעורים. פילע אידן באנוצן זיך מיט דעם קנעפל צו קענען לערנען זייערע שיעורים זייענדיג אויף די וועגן און שטעגן.

**נומער 7, פאמיליע ווינקל.** **מעשיות פון תפלה**, אידן דערציילן זייערע פערזענליכע געשיכטעס ווי אזוי זיי זענען געהאלפן געווארן דורכ'ן בעטן דעם אייבערשטן אויף אידיש אלעס וואס זיי האבן געדארפט. **ספורי מעשיות**, דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט די מעשיות פון הייליגן רבי'ן, באגלייט מיט מוזיק, פון וואס די קינדער האבן גאר שטארק הנאה. **ספורי צדיקים**, א גרויסער אויסוואל פון ספורי צדיקים דערציילט פאר קינדער. **הפצה בליצן**, פערזענליכע געשיכטעס וואס אידן דערציילן איבער זייערע מיטלעבענישן ביים טון הפצה, צו געבן פאר נאך אידן טועם צו זיין פון דעם לויטערן קוואל פון הייליגן רבי'ן. **אינטערוויוס**, גאר רייכע און אינטערעסאנטע אינטערוויוס מיט פילע אידן, איבער אלץ און אלעמען. **לאנטש ברעיק**, וועכנטליכע שמועסן זיך אויסצולופטערן, מיט א ברסלב'ע געשמאק. **שיחות חברים**, די חשובע חברים מקשיבים שמועסן זיך דורך און זענען זיך מחזק אינאיינעם.

דאס איז געדעקט א גרויס חלק פונעם ליין, בנוסף צו נאך פארשידנס וואס קומט צו כסדר צום ליין. עס קומען כסדר אריין פילע דאנק מעסעזשעס פון אידן וואס זייער לעבן איז אויפגעראכטן געווארן א דאנק דעם טעלעפאן ליניע. פון די גאר ברייטע אויסוואל פון אזויפיל אינטערעסאנטע אפטיילונגען אויפ'ן ליין, איז דא גענוג פאר יעדן איינעם צו טרעפן זיין ווינקל פון וואס ער האט די מערסטע הנאה, און וואס איז אים מחזק און געבט אים מוט צוריק צו קומען צום אייבערשטן אין אלע אומשטענדן.

אויב האט איר נאכנישט אויספרובירט דעם ליין, איז יעצט די צייט דאס צו טון, איר וועט זיך מחיה זיין מיט יעדע אויסוואל באזונדער, און האבן א געוואלדיגע ניצן דערפון אין אלע אספעקטן אין לעבן.

די נומערן צו רופן קול ברסלב פון אלע געגנטער קען מען זען יעדע וואך אין די קעסטלעך ביים סוף פונעם גליון.

**ישמע חכם ויוסף לקח!**

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **לייבי ראטה** הי"ו

צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג

***

מו"ה **נחמן נתן בוים** הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **מרדכי אהרן היילפרין** הי"ו

צו די אפשערן פון זיין זון יחזקאל נ"י למזל טוב

## צוריק צום סדר היום

**דער שיינער יום טוב שבועות איז שוין אריבער, ווי אזוי נעמט עס מיט אויפ'ן געוועגליכן סדר היום פונעם גאנצן יאר?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 2, 6, 29**

## עצתו אמונה ביי אייער טיר



**סובסקרייבט אייך צו באקומען די "עצתו אמונה" יעדע וואך אויף די פאסט**

פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך

**זייט אויך פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק אין לעבן**

**718-387-2691 #3**

**subscribe@kerenhadfusa.org**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעצעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב ע"י הבה"ח ישעי' וויזל הי"ו, ובמאנסי ע"י חבורת היכל הקודש, לכבוד החתן יודל פעלדמאן הי"ו